# נִקְדָּשׁ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון י"ד

## א אפענע סימן מן השמים

א איד דערציילט זיין פערזענליכע מעשה:

"איך בין א מחותן וואס האלט יעצט אינמיטן שבע ברכות, איך דאווען אין א בית המדרש (אמונת ישראל ב"פ), ווי יעדן שבת נאך קריאת התורה זאגט דער רב דער "מי שברך" פונעם תוס' יו"ט פאר די אלע מתפללים וואס רעדן נישט בשעת'ן דאווענען.

שוין עטליכע יאר, דערציילט ער ווייטער, וואס כ'האב זיך שטארק געמיטשעט מיט מיין בחור'ל ה"י, כ'האב אלעמאל געהאפט אז בזכות פונעם תוס' יו"ט, וואס האט געבענטשט די אלע וואס היטן זיך פון רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, זאל מיר ביישטיין און איך זאל נאך זען אידיש נחת פון מיין בחור'ל, און זוכה זיין אים צו פירן אונטערן חופה כדת משה וישראל.

"הודו לה' כי טוב", זאגט ער מיט א פילן מויל, מיין זון האט זיך ב"ה זייער שיין אוועקגעשטעלט און איז א חתן געווארן למז"ט.

דער רב פון מיין בית המדרש (הרה"ג רבי משה וואלפאסן שליט"א), איז געקומען זיין דער מסדר קידושין. בשעת'ן שרייבן די כתובה, האט ער זיך גע'ישוב'ט צו מ'זאל שרייבן ה' אדער ו' לחודש, ער האט מחליט געווען אז היות עס קען זיך פארשלעפן אביסל זאל מען בעסער אריינשרייבן ו' לחודש.

שטייענדיג אינטערן חופה איז מיר פלוצלונג געווארן קאלט און הייס.

ו' אלול...

יעצט ווערט דאך דער יארצייט פונעם תוס' יו"ט, א אפענע סימן מן השמים. אז די אלע יארן וואס כ'האב זיך געהיטן פון רעדן ביים דאווענען און קריה"ת איז מיר צוניץ געקומען. און נישט נאר דאס, די כלה איז א אייניקל פון תוס' יו"ט.

רבותי, נישט רעדן ביים דאווענען דארף נישט קיינע מופתים, ס'איז פשוט, אז מען קומט אריין אין היכל המלך און מ'רעדט צום קעניג בדרך כבוד אנע הפסקות, קען מען אלעס אויספועל'ן.

(גליון שלום וברכה)

## די דאקטוירים זוכן נאך עפעס א פראבלעם...

עס דערציילט אונז א חשובע איד פון דא אין שטאט וועלכער נעמט אראפ פון זיין טייערע צייט און טוט טריפ'ס פאר "חסד ד'מאנסי" צו טראגן און ברענגען אידן פון שפיטעלער מיר געבן איבער פאר דעם איד דאס רשות הדיבור:

דעם מוצש"ק העעל"ט האב איך אהיים געברענגט א אינגערמען פון "קאלאמביע שפיטאל", דערציילט א מעשה וואס ער האט געהערט פון דעם אבי הילד הנולד למזל טוב:

די דאקטוירים האבן אים פאראויס אנגעשראקן אז די טעסטס ווייזן אז דער מוח פונם קינד איז רח"ל אינגאנצן צעזעצט די קינד וועט זיך נישט קענען רירן ה"י. זיי האבן אים געהייסן פארן צו קאלאמביא שפיטאל זיי ספעציעליזירן זיך אויף שווערע פעלער וואס די קלענערע שפיטעלער קענען נישט

דער אבי הילד איז ממשיך און זאגט:

ליידער ליידער פלעג איך נישט נזהר זיין און איך פלעג רעדן ביי קדיש, שטייענדיג דא הארט בעפאר ווען מען ווייסט נישט וואס דער מארגן וועט ברענגען, האב איך מיר פארגענומען א פעסטע קבלה אז מהיום והלאה וועל איך מער נישט רעדן ביי קדיש און ביים דאווענען".

פרייטיג די דאקטוירים שטייען גרייט וואוסנדיג אז דאס איז א ספעציעלן פאל, דערווייל דאס קינד ווערט געבוירן וויינט און מאכט פונקט ווי אלע געזונטע קינדער ב"ה.

ווען דער טאטע פונם קינד האט דאס דערציילט זאגט ער ס'איז שוין יעצט דרייסיג שעה נאכן געבורט פונם קינד די דאקטוירים זוכן נאך עפעס א פראבלעם זיי קענען נאכנישט משלים זיין מיטן פאקט אז זיי זיי האבן געמאכט א טעות. אבער דער אמת איז, אז זיי האבן נישט געהאט א טעות אבער ביים בורא כל העולמים איז דען עפעס א שוועריגקייט מהפך צו זיין לטוב כהרף עין?

(קול הציבור)

## ביז ברוך שאמר מעג מען "אויסרעדן"?

חשובע רעדאקציע. אזוי ווי איר זענט מזכה את הרבים ובפרט מיט די בריוון וואס ווערן געליינט מיט אינטערעס דורך גרויס און קליין פילן מיר פאר א תועלת איבערצוגעבן די פאלגענדע שורות מיט די בקשה איר זאלט עס מפרסם זיין. לעצטנס איז ב"ה דא א גרויסער שינוי אין היימישע בתי מדרשים איבערן ענין פון "מורא מקדש" עס זענען דא ערנסטע עסקנים וואס געבן אכט מיט חכמה ודעת צו פארמיידן שמועסערס אין בית המדרש ביים דאווענען בכלל, און א וודאי און א וודאי בשעת הויכע שמונה עשרה, קדיש און קריאת התורה וואס דער איסור דערפון איז זייער הארב ר"ל.

עס איז מיר אבער אויסגעקומען צו הערן פון איינעם פון די וואס מ'דארף שטענדיג מעורר זיין איבערן ענין פון שמועסן אין ביהמ"ד, וואס ער טענה'ט אז ממילא ביי הויכע שמו"ע קדיש און קריאת התורה, ווייסט ער וואס

מ'וויל פון אים האבן, אבער רעדן בשעת'ן דאווענען און בפרט ביז ברוך שאמר, איז נאר אן ענין פון "מורא מקדש" און מורא מקדש איז א מצוה וואס גייט נאר אן אין "בית המקדש" און נישט אין א "בית הכנסת" און א וודאי נישט אין א "בית המדרש".

האב איך איבערגעשמועסט דאס ענין מיט א תלמיד חכם און בקי, האט ער מיר אויפגעמישט אין ספר "חיי אדם" (כלל י"ז סעיף ו') ווי עס שטייט בזה הלשון: קדושת בהכ"נ ו"בהמ"ד" גדולה מאד, ומוזהרים עליהם לירא ממי ששוכן בהם, כדכתיב ומקדשי תיראו. ולא בית המקדש בלבד אלא כל מקום המקודש. ו"בהמ"ד" נקרא מקדש מעט, כדכתיב, ואהי להם למקדש מעט, אלו בתי כנסיות ו"בתי מדרשות". וכתבו הפוסקים דמצוה זו לירא מן המקדש נוהג בבהכ"נ ו"ביהמ"ד" מדאורייתא (עיין ספר יראים סי' שצ"ד) וכו'. ולכן אסור שם בשחוק וקלות ראש. ועליהם נאמר, מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי, ומראה בעצמו שאין לו חלק באלהי ישראל. ובזוהר מפליג מאוד בעונשם, רחמנא ליצלן, וכו' עכ"ל החיי אדם.

א צווייטער ת"ח האט מיך מעורר געווען אז עס טאקע א מצוה מפרסם צו זיין די דאזיגע ווערטער פון חיי אדם ושאר פוסקים, ווייל וויבאלד עס איז א "דאורייתא" איז ביי דעם מער נישט שייך דער כלל פון "מוטב שיהיו שוגגין ואל יהי' מזידין" כידוע. און מיר ווילן מסיים זיין מיט אן אויסדרוק וואס מיר האבן געהערט פון א חשובין מזכה את הרבים, אז עס איז דא וואס זאגן אז ביז ברוך שאמר מעג מען "רעדן" עס איז אבער א גרויסער טעות, דער אמת איז אז ביז ברוך שאמר מעג מען "אויסרעדן" דהיינו אז איינער פרעגט מיך א וויכטיגע זאך, צו איך האב געזען זיין יונגל דא אין ביהמ"ד, אדער ווען איז היינט סוף זמן קריאת שמע, צו ער פרעגט מיך אויב איך האב פאר אים א סידור, וכדומה, מעג איך אים ענטפערן, אבער סתם זיך זעצן רעדן מיט א חבר, אדער שמועסן אפילו שטייענדיג מיט א צווייטן אין בית המדרש, בשעת דער עולם דאווענט שוין, דאס איז שוין אויפן בעסטן אופן א "ספק דאורייתא" פון פוגע זיין אין די מצות עשה פון "מורא מקדש" וואס גייט אן אויך אין בית המדרש.

וכן יהי רצון אז בזכות וואס אידן "ישראל קדושים נתבעים ונותנים" און זענען מקיים דעם "תנו כבוד" לה' אלקיכם", וועלן מיר זוכה זיין ניצול צו ווערן פון די שרעקליכע ווערטער וואס דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע ברענגט אין זיין ספר "עבודת ישראל" (אבות פרק ה' משנה ה') ד"ה ולא נצחה הרוח את עמוד העשן, אז אויב עס טרעפט זיך שמועסער'ס אין א בית המדרש בשעת דער עולם דאווענט, קען דאס גורם זיין, אז אפילו די תפילות פון די אידן וואס דאווענען מיט כוונה, זאלן "נישט אנגענומען ווערן אין הימל" חס ושלו', דורך די זינד פון די שמועסערס רחמנא ליצלן.

ווער רעדט נאך פון די וואס שמועסן בשעת די הויכע שמונה עשרה אדער קריאת התורה ח"ו עי"ש. והדברים נוראים.

ובזכות פון מפרסם זיין די ווערטער, וועט איר זיכער האבן א חלק אין דעם געוואלדיגן זכות הרבים אז די אלע וואס ווערן ליידער נכשל אין דעם ענין מחמת חסרון ידיעה, וועלן אייך זיין דאנקבאר פארן מעורר זיין, און אידישע תפילות וועלן ח"ו נישט ווערן צוריק געהאלטן פון אנגענומען צו ווערן אין הימל, דורכן חטא פון שמועסער'ס ר"ל, און אידן וועלן זוכה זיין אויסצו'פועל'ן רחמים וחסדים געהאלפן צו ווערן מיט געזונט פרנסה און נחת און גוטע שידוכים וכל משאלות לבם לטובה ולברכה. וזכות הרבים תלוי בכם.

(גליון עבודת התפלה)

בס"ד

מודעה מס' #00162




**לא ישוח שיחת חולין בשעה ששליח ציבור חוזר התפילה, ואם שח הוא חוטא, וגדול עוונו מנשוא.**

שו"ע סימן קכ"ד סעיף ז'

ומקדשי תיראו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ומקדשי תיראו" להשיג חינם ולתגובות טל: 05731-99990 דוא"ל: a0573199990@gmail.com

פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com